# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

**די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פּאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פּאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.**

פרייטאג פ' שופטים תשע"ה



קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

718.873.0055



True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org



מעמבערשיפ
מיט נטרונא
$360
לשנה


# אידישע געמיינדע אין איטאליע באזארגט פון א "דויעל ליאליטי" בלבול נאך באשלוס פון נתני'

## רעליגיעזע אקטיוויסטן אין דינסט פון געפארפולן התגרות באומות אין אמעריקע:

די אידישע געמיינדע אין איטאליע האט די וואך געהאט צו פארזוכן עטוואס פון די טרויעריג בארימטע ציוני'סטישע - הערצל - ביבי - דאקטערינע וועלכע שרייבט פאר אז עס איז וויכטיג צו אנזייען זארג און פאניק צווישן אידן בארצות גלותם און אויפטרייבן חששות און שנאה קעגן זיי ביי די ארומיגע שכנים.

די געשיכטע איז לכאורה א מינדערוויכטיגע אבער אידישעווארטזאגער פון איטאליע זענען זייער באזארגט אויף אירע רעזולטאטן במשרים ובעקיפין. עס האנדלט זיך איבער א באשלוס פון דעם ראש ממשלת הכופרים ביבי נתני' צו נאמינירן די אידישע זשורנאליסט פייאמע נירענשטיין אלס אמבאסאדארין צו איזראעל אין איטאליע.

נירענשטיין איז א באקאנטע פיגורין אין איטאליע, זייענדיג א לאנגיעריגע זשורנאליסט און שרייבערין. שפעטער איז נירענשטיין געווען א שטארקע אקטיוויסט אין דעם פארלאמענט, אלס אקטיווע ווארטזאגער פון די רעכטע פארטיי וואס האט אלץ פארטיידיגט די אידישע אינטערעסן אין לאנד. אצינד האט ביבי נתני' באשלאסן צו נאמינירן נירנשטיין אלס איזראעל'ס קומענדיגע אבאסאדארן צו איטאליע אין רוים, איגנארירנדיג דעם זארג פון פילע אז די נאמינאציע וועט ווערן באנוצט דורך שונאי ישראל וועלכע באשולדיגן אידן אין איטאליע אז זיי זענען מער געטריי איזראעל ווי צו זייער היימלאנד.

## "נתני' האט אונז פארוואנדלט אין א פינפטע קאלום אין אונזער לאנד":

די מעלדונג פון נאמינאציע פון נירענשטיין איז געפאלן אויף די אידישע געמיינדע, מיט אירע העכער 35 טויזנט אידן, ווי אן איבערראשונג. וויבאלד זיי זארגן זיך אז דאס וועט שלעכט אויסגעטייטשט ווערן, ווי די אידישע אקטיוויסטן און ווארטזאגער אין איטאליע זענען ענדערש גרייט צו דינען די אינטערעסן פון איזראעל.

אפילו דער ציוני'סטישער "ידיעות אחרונות" איז ערשינען מיט א קעפל: "איזראעלי אמבאסאדער נאמינאציע טרייבט אויף "דויעל ליאליטי" זאָרגן צווישן איטאליענער אידן", און שרייבט אז די אידישע געמיינדע אין איטאליע איז אויפגעברויזט אויף די באשלוס פון ביבי נתני', און מערערע אידן אין רוים האבן אויסגעדריקט זייער שטימע מיט זארג אויף די פסיכילאגישע שאדנס פון אזא באשלוס, זיי זאגן אז "נתני' האט אונז פארוואנדלט אין א פינפטע קאלום אין אונזער לאנד".

פינפטע קאלום איז אזא סארט אויסדריק אויף אן אינערליכע גרופע וועלכע זיצט טאקע אין א לאנד אדער געמיינדע אבער זוכט צו העלפן פרעמדע אינטערעסן און שטיצן דרויסנדיגע אגענדעס. דאס איז אזא סארט זארג פון "והי' כי תקראינה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו", און ווערט געזען ווי א


### רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה....**

**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**

לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

(מספר בוצינא קדישא)

געפאר נומער איינס פאר יעדע מדינה.

די פרעסע צייכנט אן אז טראץ דעם וואס עס האנדלט זיך אין א שטארק - ציוני'סטישע קהלה, וואס האלט אָן א פארבינדונג מיט איזראעל און אסאך פון אירע מעמבערס צייגן ארויס סימפאטיע מיט די פאליטיק פון נתני', ווערט אבער געהערט אויסטערליש שטארקע קריטיק פון אלע זייטן. דער רב הראשי פון רוים, הרב דו - סניי, האט געזאגט אין א קורצע אינטערוויא פאר די איטאליענישע נייעס אגעטור די עי. ען. סי. עי. אז "זי איז א גוטע זשורנאַליסט, אבער איך זארג זיך אז עס וועט זיין פראבלעמען (אלס רעזולטאט פון די נאמינאציע), עס איז גענוג איר זאלט ליינען וואס עס דרייט זיך שוין ארום אויף די סאציאלע מידיא איבער איר דויעל - ליאלעטי סטאטוס."

א אידישער פארטרעטער האט רעאגירט צו די נייעס זאגנדיג אז: "אויב א געוועזענע איטאליענע פארלאמענט מעמבער, א איד, ווערט די אמבאסאדער צו איזראעל, טוט דאס אייגנטליך באדייטן אז מיר באשטעטיגן דעם פאקט אז יעדער פון אונז, און יעדע צושטאנד וואו מיר זענען, זענען מיר פאקטיש איזראעליס. מענטשן וועלן קלערן אז מיר פארמאגן א דאפלטע לאיעליטעט צו איזראעל, און דאס קען פירן צו געפארפולע קאנסקווענצן."

מערערע פון די אידישע געמיינדע אין איטאליע באטאנען טאקע אז די רייד פונעם רב הראשי אין רוים טוען אפשפיגלען דעם מהלך המחשבה ביי די דארטיגע אידן דורכאויס די לעצטע טעג, אזא צושטאנד ווען נירענשטיין שפרינגט פון א מיטגלידערין אין די איטאליענישע פארלאמענט צו א שליח פאר איזראעל טראגט מיט זיך פראבלעמען.

זיי ערקלערן אז אויב נתני' וואלט באשטימט נירענשטיין אלס אמבאסאדאר פאר איזראעל אין די יו.ען. אדער סיי ווי ערגעץ אנדערש וואלט גוט געווען, אבער ווען מען נאמינירט איר אין רוים ברענגט דאס פאר מענטשן צו פרעגן אויב איטאליענישע אידן זענען איזראעלי'ס אדער איטאליענער. דאס קען אפילו שאטן פאר די עווענטועלע שאנסן פון אידן צו ווערן ערוועלט אין דעם פארלאמענט אדער באקומען הויכראניגיקע פאסטענעס אין צוקונפטיגע רעגירונגען.

די 'ידיעות אחרונות' ווייזט אן אז דאס איז נישט בלויז א טעארישע זארג, נאר א פעטער פון נירענשטיין, וואס איז אצינד א פארלאמענט מיטגלידער און פלאנירט צו לויפן אלס מעיאר פון די שטאט מילאני. האט זיך שוין באווארנט אלס זארג אז ער וועט אטאקירט ווערן איבער זיין געטריישאפט פארן לאנד, און דעריבער ארויסגעשטעלט אין דער איילעניש א מעלדונג אז ער איז שטאלץ צו זיין אן איטאליענער...

א ווארטזאגער פאר די קהלה זאגט "די נאמינאציע קען שאפן א פראבלעם פון אנטיסעמיטיזם, דורכאויס אלע יארן, איז דער איד אלץ געווען פארדעכטיגט אלס א פאררעטער פאר זיין לאנד. צו שטעלן נירענשטיין אין איטאליע אויף די צווייטע זייט פונעם טיש איז א פאקטאר וואס קען שעדיגן די אימעזש פון די אידן אין איטאליע, וואס זענען טאקע מערסטנס טייל ציונים אבער זיי זענען אויך בירגער מיט אלע רעכטן און פליכטן. דאס איז נישט קיין זאך מיט וואס מען שפילט זיך ארום."

געטריי צו די הוראה פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אז מען זאל מיט מסי"נ מפרסם זיין אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער און דערמיט מקיים זיין דעם לא תעמוד על דם רעך האט מוסד הק' נטרונא באלד רעאגירט צו די געשיכטע אין איטאליע. אין א מעסעזש וואס איז ארויסגעשיקט געווארן פאר טויזנטער האט נטרונא געשריבן "נתני' איז אצינד מסכן איטאליענישע אידן, דער נישט גוטער וועט נישט רוען ביז ער שטעלט אלע גלות אידן אונטער פייער". א מעסעזש וואס איז ברייט אויפגעכאפט און ציטירט געווארן, ווערנדיג געזען דורך אומצאליגע גוי הארצות וואס האבן האפענטליך דערהערט דעם קאנצעפט אז תורה טרייע טראדיציאנאלע אידן זענען דייקא יא געטרייע בירגער, לויעל צו זייער היימלאנד, און געבינדן צו איר וואוילזיין, ווי דער נביא זאגט בשם ה' ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה.

## רעליגיעזע אקטיוויסטן אין דינסט פון געפארפולע התגרות באומות אין אמעריקע:

דאס קומט אין די זעלבע צייט וואס נתני' און זיינע פארבינדעטע גרופעס אין די פאראייניגטע שטאטן לאזן נישט נאך פון דעם געפארפולן העץ - קאמפיין, געצילט צו אראפמאלן א קאמף צווישן "אידן" און "פרעזידענט אבאמא" ה"י.

די אגרעסיווע שריט פון ביבי נתני' און די פרייע ציוניסטישע אוואנטורער אין אמעריקע זענען גענוג ביטער און גענוג שרעקעדיג. ונוסף גם הוא על שונאינו, דערצו קומט נאך צו די רעליגיעזע טומלער וואס זענען אין א געוויסן זין נאך "פויפסטליכער פונעם פויפסט" און האבן נישט בלויז זיך אנגעשלאסן אלס א טייל פון דעם וואנזיניגען גערידער, נאר זאגאר זיך ארויסגעשטעלט בראש המערכה אין שפיץ פון די התגרות באומות. דאס איז ליידער בולט און קענטיג פון אלע לעצטיגע אקטיוועטעטן פון אלע פראנטן און אספעקטן, וואס שטעלן אוועק דעם מציאות אז די ארטאדאקסישע קרייזן שטייען אויף די פראנט ליניעס ווי די צענטראלע קעגנער צום פרעזידענט און זיין רעגירונג.

דאס קומט אמערסטן צום אויסדריק ווען מען זעהט אז אזא רעספעקטפולע און באקאנטע סענאטאר ווי דער דעמאקראט 'טשאָוק שומער' פון ניו יארק, האט זיך געמוזט ברעכן און גיין קעגן זיין אייגענע פארטיי ליניעס, בלויז צוליב די אויסטערלישע דרוק וואס ער איז אויסגעשטאנען פון זיינע ווילער אין אידישע ניו יארק, וואס קען אים אפילו קאסטן זיין פאליטישע קאריערע אין די דעמאקראטישע פארטיי אין דער צוקונפט. דאס זעלבע איז עס געווען מיט דעם דעמאקראט באב מענענדעס פון ניו זשערסי, דייקא די פאליטישע פארטרעטער פון היימישע געגענטער וואו עס זענען פארהאן א גרעסערע פאפולאציע פון פרומע ארטאדאקסישע אידן, מוזן זיך ספראווען מיט דעם ציוני'סטישן העצע ווינט און ענדגילטיג

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן איפ'ן "קול נטורנא" סיסטעם

ארויסטרעטן קעגן זייערע פארטיי אינטערעסן, אדאנק דעם פרומען איד.

אצינד איז דורך עיפא"ק און אנדערע גרופעס געלאזט געווארן אין גאנג א קאמפיין צו באאיינפלוסן סענאטאר קארי בוקער, אויך פון די אידישע ניו זשערסי, וועלכער איז דערווייל מער גענייגט צו שטימען אין שטיצע פון דעם ביל. די אידישע גרופעס לאזן לויפן רעקלאמעס אין די גרויסע צייטונגען מיט פאדערונגען פון בוקער אז ער זאל גיין אין שומער'ס פיסטריט און זיך ברעכן פאר'ן דריק פון זיינע אידישע וויילער, צו שטימען קעגן דעם דיעל. גלייכצייטיג ווערט געפירט א קאמפיין אז מענטשן זאלן אים רופן און מוטשן מיט אט די פארלאנגען.

## 350 "ראבייס" אין קעגנערשאפט צום דיעל:

פארגאנגענע וואך איז פארעפענטליכט געווארן א בריוו פון 340 ליבעראלע אמעריקאנער "ראבייס", פון די רעפארמער געמיינדע צו די קאנגרעס מיטגלידער, וואו זיי דריקן אויס שטיצע פאר דעם ביל און מוטיגן דעם פרעזידענט מיט זיינע פאליסיס. עס האט נישט געדויערט עטליכע טעג און עס איז ערשינען א קעגנזייטיגע בריוו פון 350 "ראבייס", דערונטער אויך ארטאדאקסישע ראבייס פון ארץ ישראל און אנדערע לענדער, וואס רייסן שארף אראפ דעם דיעל און ווענדן זיך צו די אומבאשלאסענע קאנגרעס מיטגלידער מיט שארפע ווארענונגען אויב זיי וועלן שטיצן דעם ביל. מיט עזות גלייכן זיי צו די סיטואציע צו די געשיכטע פון מגילת אסתר עפ"ל און סטראשענען געמיין די קאנגרעסלייט וואס וועלן זיך טרויען צו שטימען דערפאר.

די פרעסע האט געוואוסט צו באריכטן אז דער צווייטער בריוו פון מער ארטאדאקסיש - געשטימטע רבנים איז געשריבן געווארן אין רעאקציע צו די רעפארמער רבנים. בושנו מכל דור אז דער רושם וואס ווערט איבערגעלאזט איז אז ווי פרומער און רעליגיעזער מען איז, אלץ מער סימפאטיע הערשט צו איזראעל און אירע אינטערעסן.

**שלא תאגוד עליך אגודה** (ספרי פ' תצא)

לחרפתינו טוט אויך די אגודת ישראל פון אמעריקע קובע זיין אזא איינדריק, אדאנק די נאכאנאנדיגע העצע וואס זי פירט אן קעגן דעם דיעל פון אלע ערליי פראנטן, זיך שטעלנדיג פולשטענדיג צום דינסט פון די מרכבה הטמאה דורך געבן דעם חרדי'שן אולטרא - ארטדאקסישן צורה פאר דעם כוואליע פון התגרות באומות וואס האט זיך א לאז געטון איבער אמעריקע.

אלס לעצטיגע רינגעלע אין די אומ'אחריות'דיגע אקטיוועטעטן האט אגודת ישראל פראקלאמירט א קאמפיין צו שיקן בריוו דורך אימעיל פאר סענאטארן אין וואשינגטאן. עס איז באשטימט געווארן דריי באזונדערע דרעפטס פון סעמפל בריוון, וועלכע דארפן ארויסגעשיקט ווערן דורך אימעיל צו ערוועלטע באאמטע אין קאנגרעס בנוגע דעם איראן דיעל.

די אגודה האט דעזיגנירט ספעציעלע בריוו וואס זאלן געשיקט ווערן צו סענאטארן און רעפרעזענטאטן וועלכע האבן דערווייל נאכנישט אנאנסירט וואס זיי פלאנען צו שטימען. אזוי אויך דאנק בריוון פאר אזעלכע וואס האבן שוין אויסגעדריקט קעגנערשאפט צום דיעל און באזונדערע בריוו פאר סענאטארן וואס פלאנירן יא צו שטיצן דעם דיעל. די בריוו זענען באגלייט מיט אויסדריקן און סטעיטמענטס היפוך פון דעם דרך הגלות און היפוך פון דעם סברא ישרה וואס זאגט אז אידן - בפרט חרדי'שע אידן- דארפן זעהן נישט צו זיין אין 'ספאט לייט" ווען עס קומט צו אזעלכע הייקעלע טעמעס.

## עת לעשות לה' !

בובעת וואס דער חילול ה' און דער סכנת ישראל ווערט פארגעזעצט דורך די אומ'אחריות'דיגע התגרות באומות ווערט אבער גלייכצייטיג נתקדש דעם שם שמים און נתכפר דעם חרון אף פון אידן דורך די הייליגע דרכי המחאה והפרסום מיט א געוואלדיגע איינפלוס איבער די ריזיגע מידיא נעצן איבער'ן לאנד.

טראץ די גרויסע קאסטן, און טראץ די געוואלדיגע חובות ביז אהער, טוט מוסד הק' נטורנא ווייטער פראגרעסירן מיט דעם קריטיש וויכטיגן קאמפיין, מען שטעלט זיך נישט אפ קיין איבריגע רגע, ווייל מען באגרייפט גוט אז ס'איז נישט קיין צייט פון קווענקלן און ווארטן. במשך די וואך איז פילצאליגע מאל געלופטערט געווארן די גוט באארבעטע רעקלאמעס, און דאס זעלבע טוט מען פארשידענע פעולות לטובה פאר די קומענדיגע תקופה, עד יעבור זעם, ווילאנג דער ברויזנדער ים פון התגרות באומות וועט זיך אפשטילן.

דאס געלט איז אבער נאכנישט דא צום באדויערן. מיר שטייען אין א זמן ווען די סטרא אחרא גיסט מיט אוצרות געלט פאר רעקלאמעס און פרסומים צו באשמיצן דאס אמעריקאנער אידנטום און זיי אראפמאלן ווי אומפולסיווע רודפי מלחמה, לא תהא כהנת כפונקת, לאמיר נישט לאזן פארשטימט ווערן דער איינציגער קול מחאה וואס ווערט נאך ב"ה געהערט, לאמיר נישט ערלויבן פאר'ן ס"ם א גענצליכע זיג אין דעם חושך כפול ומכפול.

לרגעים תבחננו ! אידן בעלי דעת וברי הלבב האבן אצינד די געלעגנהייט צו קויפן און ערייכן די געוואלדיגע זכותים עצומים פון פרסום קידוש שמו יתברך און הצלת ישראל כפשוטו. לייגט עס נישט אפ ווייל הנוגשים אצים כלו מעשיכם, מיר דארפן באצאלן פאר די פעולות נשגבות אסטראנאמישע סכומים עובר לסוחר וואס קען נישט אפגעלייגט ווערן. מהר אהוב, טייערע אידן נעמט עס נישט פאר לייכט, די פעולות הפרסום ווארטן אויף אייער הילף און שטיצע, ומני' ומנאי יתקלס עילאי בעז"ה.

**ביטע רופט יעצט אריין**

**718-873-0756**